בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת תרומה תשע"ח — גליון 445 [שנה י']

**די סמיכות פון ענדע משפטים צו תרומה**

וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ: (כה ב) צו פארשטיין די סמיכות הפרשיות פון ענדע פ' משפטים, וַיְהִי מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה: (כד יח) צו וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה? נאר פארוואס האט מען געברענגט די תרומה, ווייל די זהב פון משכן וועט מכפר זיין אויף די זהב פון עגל, און עס איז ידוע די טעות פון כלל ישראל וואס האבן גערעכנט פערציג טעג פון משה אָן די נאכט, און משה איז געקומען נאך פערציג טעג און פערציג נעכט [עיין (רש"י לב א) און גמ' (שבת דף פט.) רש"י ד"ה כשעלה.] יעצט שטייט וַיְהִי מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה, און אזוי האט געדארפט זיין, אבער די אידן האבן טועה געווען מיטן נאכט און געמאכט א עגל, דעריבער וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה, צו מכפר זיין על מעשה העגל. (כסף נבחר הר' אבי עזרי זעליג מרגליות אב"ד קאליש אמ"ד תע"ב)

**נאך א מהלך די סמיכות פון ענדע משפטים צו תרומה**

וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה: (כה ב) צו פארשטיין די סמיכות הפרשיות פון ענדע פ' משפטים, וְאַרְבָּעִים לָיְלָה: (כד יח) צו וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה? נאר עס ווערט געברענגט אין ירושלמי מס' שקלים אז מען זאל נישט געבן צדקה באנאכט, אבער געבן צו בדק הבית מעג מען יא געבן באנאכט, דאס איז די סמיכות ענדע משפטים לָיְלָה און נאכדעם תרומה למשכן, אז לבדק הבית דאס איז יא מותר בלילה. (תפארת יעקב ליפשיץ)

**צדקה איז נישט גענוג מען דארף לערנען און מדקדק זיין במצוות**

וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה: (כה ב) שטייט אין מדרש הה"ד כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ: (משלי ד ב) צו פארשטיין דער מדרש, וואס איז די שייכות תרומה צום פסוק: נאר עס זענען ליידער דא מענטשן וואס געבן אסאך צדקה און מאכן גמילות חסדים און מיט דעם האלטן זיי אז זיי האבן יוצא געווען אידישקייט און דארפן נישט לערנען און מדקדק זיין במצוות, דעריבער זאגט די תורה וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה, עס איז דא די חיוב פון געבן צדקה, אבער אפילו כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם, און אז דו האסט טאקע געגעבן צדקה, פונדעסטוועגן תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ. דארפ'סט מען מקיים זיין וואס עס שטייט אין די תורה און אויך דאס לערנען. (בן יוסף הר' יוסף צבי הלוי שווארץ תרפ"ז)

**תורה איז מען קונה נאר מיט שפלות**

וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ: (כה ב) שטייט אין זוהר הק' (ח"ג קע"ט א) אז דער ווארט תרומה איז מלשון תרי מאה, דאס מיינט מען נעמט אראפ צוויי פון הונדערד וואס דאס איז אחד מחמישים, די שיעור פון בינונים ביי מפריש זיין תרומה. און עס שטייט אין אבות (פ"ד מ"ד) רַבִּי לְוִיטַס אִישׁ יַבְנֶה אוֹמֵר, מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ, מען דארף שטארק אכטונג געבן אז מען זאל זיין א עניו, [און דער הייליגער אור החיים ברענגט אין פסוק "וַיִּחֲנוּ בַּמִּדְבָּר" (שמות יט ב) וז"ל כי אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שמשפיל עצמו ומשים עצמו כמדבר (עירובין דף נד) וכנגד זה אמר ויחנו במדבר פירוש לשון שפלות ועגור כמדבר שהכל דורכים עליו עכ"ל, תורה איז נקנה נאר מיט ענוה און שפלות אזוי ווי מדבר, המו"ל] לויט די צוויי הקדמות קען מען מרמז זיין, וְיִקְחוּ־לִי אויב א מענטש וויל קונה זיין תורה וואס איז געגעבן געווארן צו פערציג טעג –לִי איז פערציג– דארף מען זיין ביי זיך, תרומה: תרי מ"ה, וואס מ"ה איז בגימט' מאד און צוויי מ"ה איז מאד מאד (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב) והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו בספר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא. יארצייט י"ג טבת

**תורה דארף מען חזר'ן פערציג מאל**

וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה: (כה ב) שטייט אין בעל הטורים אז תרומה איז די ווערטער תורה מ', פון מדרש (שמות רבה פמ"א ו' און זוהר הק') מען קען מרמז זיין וואס די גמ' ברענגט (פסחים דף עב ע"א, מגילה דף ז ע"ב, כתובות דף נ ע"א) תָּנָא מִינֵיהּ אַרְבְּעִין זִמְנִין, ער האט געהער'ט פערציג מאל, וְדָמֵי לֵיהּ כְּמַאן דְּמַנְחָא לֵיהּ בְּכִיסֵיהּ, אז מען חזר'ט אזאך פערציג מאל געדענקט מען דאס און עס בלייבט אין דיין טַאש. און מען טרעפט אויך אז משה רבינו איז געווען אויפן בארג סיני פערציג טעג כדי צו חזר'ן די תורה, דאס זאגט די פסוק, וְיִקְחוּ, ווילסט אז די תורה זאל זיין לִי, דיין אייגענער, דאס מיינט זאלסט עס געדענקען, תְּרוּמָה, תורה מ', זאלסט חזר'ן פערציג מאל וועסטו עס געדענקען. (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף)

לפי דעם קען מען יעצט מסביר זיין דאס וואס שטייט אין מדרש וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה: הה"ד כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ: (משלי ד ב), תורה מ', מען דארף חזר'ן פערציג מאל, ווייל כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם, און דורך חזרה, תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ, וועט די תורה נישט אוועקגיין און פארגעסן ווערן פון דיר. (שמח זבולון תשע"ח)

**אז מען איז תוכו כְּבָרוֹ איז מען איין מענטש**

וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם: (כה ח) דער אלשיך און של"ה הק' (תרומה שכה– שכו), ברענגען א מדרש בְּתוֹכוֹ לא נאמר אלא בְּתוֹכָם, מלמד, דאס קומט צו לערנען אז די שכינה שורה, רוהעט, בתוך כל אֶחָד וְאֶחָד. צו פארשטיין וואס דאס מיינט אֶחָד וְאֶחָד, נאר עס זענען דא צוויי סארט מענטשן, איינער וואס איז אֶחָד בְּפֶה וְאֶחָד בְּלֵב און ער איז באמת צוויי מענטשן א צדיק פון אינדרויסן און א רשע פון אינעווייניג, אבער א ערליכער איד דארף זיין תוכו כְּבָרוֹ, און אזא מענטש איז איין מענטש, דאס זאגט דער מדרש: אז דער אויבערשטער איז שוֹרֶה נאר אויף א איד וואס איז אֶחָד וְאֶחָד, ער איז איין מענטש וואס איז תוכו כְּבָרוֹ און נישט צוויי מענטשן. (באר חיים כהנא מטעמעשוואר)

**שייכות שלחן צו מנורה**

וְשַׂמְתָּ אֶת־הַשֻּׁלְחָן מִחוּץ לַפָּרֹכֶת וְאֶת־הַמְּנֹרָה נֹכַח הַשֻּׁלְחָן: (כו לה) פארוואס שטייט וְאֶת־הַמְּנֹרָה נֹכַח הַשֻּׁלְחָן איז מען תולה די מְנֹרָה אין שֻׁלְחָן און נישט וְאֶת הַשֻּׁלְחָן נֹכַח הַמְּנֹרָה? נאר עס איז דא א פִּתְגָם: כַּאֲכִילַתְכֶם כֵּן תּוֹרַתְכֶם, אזוי ווי א מענטש עסט אזוי איז אויך זיין תורה, דאס איז דער רמז, וְאֶת־הַמְּנֹרָה דאס מיינט די תורה (משלי ו' כ"ג) נר מצוה ותורה אור, דיין תורה וועט זיין אנקעגן דיין שלחן, לויט דיין שלחן –אכילה– דערקענט זיך דיין תורה. (באר חיים כהנא מטעמעשוואר)

**הראה מנורה של אש וואס איז דער ראי' אז עס איז געווען פון אש?**

וְעָשִׂיתָ מְנֹרַת זָהָב טָהוֹר מִקְשָׁה תֵּיעָשֶׂה הַמְּנוֹרָה: (כה ל"א) רש"י ברענגט פון גמ' (מנחות דף כט ע"א) נתקשה משה במעשה המנורה והראה לו הקב"ה מנורה של אש, קען מען זאגן אז מנור"ה איז גימט' אש. הקב"ה האט געוויזן א מנורה פון אש. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

## מדור העובדות

### דער הײליגער ויגד יעקב פון פאפא באפרייט זיין תלמיד פון ארמיי מיט א מופת



# דער ויגד יעקב פון פאפא

הגה"צ ר' יעקב יחקיה גרינוואלד איז געבוירן אין שטאט צורנא "Csorna" צו זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' משה זצוק"ל דער ערוגות הבושם און איז געווען זיין תלמיד מובהק. אין שנת תר"ם האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הרב ישראל מנחם ברוין אב"ד ברזוביץ. אין שנת תרס"ו איז ער געווען רב אין ליקוב. און שנת תרע"ב געווען רב אין צעהלים, אין פלאץ פון זיין פעטער הרב אליעזר דוד גרינוולד בעל "קרן לדוד". און אין שנת תרפ"ד געווארן רב אין הוניאד און אין שנת תרפ"ט געווארן רב אין פאפא און דארט געפירט א שיינע ישיבה ביז תש"א. מחבר געווען ויגד יעקב און מען רופט אים על שם ספרו.

הרה"ח ר' ישראל מייזנער האט געלערנט אין פאפא ביים ויגד יעקב און איז געווען א גוטע לערנער און עס איז געקומען די צייט זיך צו שטעלן אין די ארמיי, ער איז געווען א הויכער און א געזונטער בחור וואס בדרך הטבע וואלט ער נישט געקענט ווערן באפריידט פון דינען, און א דאקטער וואלט נישט אונטערגעשריבן אז ער טויג נישט צו דינען. ר' ישראל איז אריין צו זיין רבין דער ויגד יעקב און געבעטן א ברכה און א עצה ווי אזוי ער זאל נישט גענומען ווערן אין ארמיי.

דער ויגד יעקב גיט אים א ברכה אז ער זאל נישט דארפן גיין אין ארמיי. אבער ר' ישראל איז נישט געווען צופרידן מיט א ברכה ווען זיין אידישקייט שטייט אין געפאר און נעמט די שטאלץ און זאגט דער רבין ער וויל נישט א ברכה, ער וויל א הבטחה אז דער רבי זאל אים צוזאגן אז ער וועט נישט גיין אין די ארמיי! דער ויגד יעקב ווערט ערנסט און טראכט און רופט צו זיין גבאי- הגאון ר' יצחק שלמה אונגאר אב"ד חוג חת"ם סופר- און רעדט אים אריין שטילערהייט אין אויער אז ער זאל גיין צו זיין קרובה וואס זי נייט תכריכים און זי זאל געבן א שטיקל סחורה וואס איז געבליבן ביי איר פון די תכריכין און דאס אהער ברענגען.

דער גבאי איז שנעל געגאנגען צו זיין קרובה און געברענגט א שטיקל סחורה צום ויגד יעקב. דער רבי האט ארויס געשיקט דעם גבאי און זיך פארשלאסן מיטן בחור ישראל א לענגערע צייט און נאכדעם איז ר' ישראל ארויס געקומען פון צימער מיט אמונה אז ער וועט ווערן באפרייט פון ארמיי. אויף צו מארגענ'ס האט ר' ישראל געדארפט זיך גיין שטעלן און אינדערפרי פילט ר' ישראל אז עס קראצט אים און עס ווערט מער און מער און ער זעט אז זיין גאנצע גוף איז פול מיט קרעץ און עם רינט מאטערי" פון זיי!

ר' ישראל קומט אן ביים סטאנצי' פון די ארמיי און מען גיט איין קוק אויף אים און מען האט אים געשיקט צום דאקטאר וואס האט אים אויפן פלאץ געגעבן א באפרייעונג אלץ א קראנקער מענטש! ר' ישראל איז געווען זייער פריילאך אז מען האט אים באפריידט, אבער ער איז געווען צובראכן ביי זיך אז יעצט וועט ער דארפן ליידן פון די קרעץ זיין גאנצן לעבן און דאס וועט אים אויך שטערן זיין לערנען! אבער ער האט זיך געשטארקט און פארשטאנען אז דער רבי וואס האט אים געגעבן דער מצב וועט ער אים קענען היילן און ער איז גלייך געגאנגען צום ויגד יעקב איבערגעבן די גוטע בשורה פון באפרייען און אויך אז דער רבי זאל אים אויסהיילן!

דער רבי נעמט אים אויף ווארעם און שיקט ווייטער ארויס דער גבאי און פארשפארט זיך אויף א לענגערע צייט מיט ר' ישראל און נאך א לענגערע צייט איז ר' ישראל ארויסגעקומען פון צימער א אויס געהיילטער און א פלא אז קיין איין סימן איז נישט געבליבן אויף ר' ישראל. די מעשה האט זיך שנעל פארשפרייט צווישן די תלמידים וואס האבן געוואלט ווייסן ווי אזוי האט דער רבי געפראוועט אזא מופת! אבער דער ויגד יעקב האט אנגעזאגט פאר ר' ישראל אז ער טאר נישט דערציילן וואס איז געווען!

דערציילט ר' יצחק שלמה אונגאר זצ"ל אז ער האט דאך פארשטאנען אז די מופת האט געהאט צו טאן מיט די שטיקל סחורה וואס ער האט געברענגט, איז יארן זענען אריבער און דער ויגד יעקב האט שוין נישט געלעבט, איז ער געגאנגען פרעגן ר' ישראל וואס איז געווען מיט אים און ער ווייסט דאך פון די סחורה! האט ר' ישראל געענטפערט הגם דער רבי האט מיר געבעטן נישט דערציילן אבער ער לעבט שוין נישט, און דערציילט: אז דער ויגד יעקב האט גענומען די סחורה און דאס געריבן אויף מיין גוף און די קרעץ האבן אנגעקומען אינדערפרי. און אזוי ווי ער האט געטאן דער ערשטע מאל האט ער דאס זעלבע געטאן ווען איך בין צוריקגעקומען און ער האט אריבער געפירט די סחורה אויף מיין גוף און אלעם איז פארשוואונדן געווארן זיע"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500,

20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפןדער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500**

**T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***